# אַ מעשׂה איבער אַ מעשׂה*

1 אָמַר מענדעלע מוכר־ספרים, זאָגט מענדעלע מוכר־ספרים: געדאַוקט און געלויבט זײַן ליבער נאָמען פֿאַר די בײדע קהילות קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע אין דער סבֿיבֿה פֿון גלופסק – דרײַ קק״ן, מיט װעלכע ער האָט באַשײַנט זײַן װעלט און אין װעלכע ער האָט באַזעצט זײַנע געליבטע קינדער ישׂראל, צו פּרוּװן זײ דאָרט, פֿאַר גרויס ליבשאַפֿט, מיט אַלע זײַנע נסיונות, אויב די װעלן קענען אויסהאַלטן ייִדישקייט: זיך אָפּזאָגן פֿון עולם הזה, צענרעכן די תּאווה פֿון עסן און נאָך אַזעלכע מיאוסע תּאוות, אָן װעלכע אַנדערע װענטשן, פּראָסטע בשׂר־ודם, קענען געװײנטלעך זיך נישט באַגײן; בכדי דורך דעם זאָל זײ צו לעצט אַזוי װויל און גוט זײַן דאָ אויף דער װעלט, אויך דאָרט אויף יענער װעלט... קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע האָבן אויף קידוש־השם אויסגעהאַלטן די פּראָבע גאָר אַן אַנטיק, באַשײַמפּערלעך געװיזן װער זײ זענען, װאָס זײ קענען און צו װאָס זײ טויגן. – געלויבט און געאַכפּערט זײַן װײליקער נאָמען פֿאַר דער גרויסער זכיה, װאָס ער האָט מיך, אָרעמען בעל־עבֿירה, מזכּה געװען צו זײַן דער שליח, לויפֿן אַצינד צו די דאָזיקע קק״ן מיט אַ גוטער בשׂורה.

2 מזל־טובֿ דיר, קאַבצאַנסק! מזל־טובֿ דיר טונעיאַדעווקע! אַזוי װויל און גוט איז אײַך בײדע! נרצה, איר װעט אם־ירצה־השם באַװיליקט װערן טאַקע באַלד, באַלד...

3 קװעטשט מיר נישט אין אײן אָטעם אָפּצוזאָגן, װאָס די בשׂורה באַטײַט. האָט צײַט, איך בעט אײַך, איר האָט אַזוי פֿיל צענדליקער יאָר אין צרות, זײַן לײַד, געװאַרט, װעט אײַך דער גוטער יאָר נישט צונעמען װאַרטן נאָך אַ ביסל. איר זײַט דאָך צו אַזעלכע זאַכן שוין געװײנט געװאָרן, שוין פֿיל מאָל אין אײער לעבן באַװיזן, אַז אַן אײַזערנעם כּוח אויף אַזוי פֿיל איבערצוטראָגן און אַלץ װאַרטן... װאַרטן... האָט איר אַלײן נאָר טאַקע אײנעם אין דער גאַנצער װעלט. נאָר װי די מעשׂה איז, אויב איר קענט אָדער קענט נישט, פֿאַר מיר איז אַלץ גלײַך.

* געדרוקט אין 'די יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטהעק' – אַ בוך פֿיר ליטעראַטור קריטיק און װיסענשאַפֿט, רעד' שלום־עליכם, ערשטעס בוך, קיִעוו 1888, ז"ז 2–10.

איך האָב מיך פֿײַנט צו כאַפּן. בײַ מיר, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, איז אַלצדינג מיט אַ סדר, פּאַמעלעך, נישט געיאָגט. דאָס פֿערדל מײַנס אַפֿילו רירט זיך אויך שטאַרק באַרעכנט, קוים קוים וואָס עס הייבט אַ פֿוס, נישט געאײַלט. איר מוזט פֿריִער אויסהערן די גאַנצע מעשׂה מיט קאָפּ, ביז עס וועט קומען דערצו, וואָס די בשׂורה איז און וואָס פֿאַר אַ גליקן שטייט אײַך פֿאָר. די מעשׂה אַליין פֿאַר זיך, גאָר אָן אַלע זאַכן, האָט אויך אַ ווערט און נייטיק טאַקע צו וויסן. אוי, קען איך אײַך, ברידערלעך! בײַ אײַך איז נאָר דער שפּיץ אַזוינס וואָס פּאַסט צום עסק. יענער איז בײַ אײַך חשובֿ, אַ זייער אָנגעלייגטער גאַסט, נאָר כּל־זמן איר באַדאַרפֿט בײַ אים עפּעס אָנשמעקן. קוים אָבער האָט איר אויסדערטאַפּט בײַ אים יענץ וואָס טויג, וואָלט איר שוין גערן געווען זײַנער פּטור צו ווערן, ווי אַן אויסגעקוועטשטע לימענע. אויף כּפּרות באַדאַרפֿט איר אים שוין האָבן מיט זײַנע מעשׂהלעך, גלײַכע ווערטלעך און אַלע זײַנע איבעריקע חכמות... איר מיינט ניט אַזוי די הגדה, ווי די קניידלעך. ניין, ברידערלעך! זאָג איך אײַך נאָך אַ מאָל בפֿירוש, מיינט אײַך וואָס איר ווילט, בײַ מיר וועט איר זאָגן די הגדה, נישקשה, זיך פֿריִער אָנלייענען, אָנזאָגן ווי אַ פּויק, ביז וואַנען איר וועט דערלעבן זען די קניידלעך. נישט דאָס בין איך אויסן.

4 קאַבצאַנסק! גערענקסטו, דעם אורח, וואָס איז בײַ דיר פֿאַר אַ יאָרן זומער געווען? דו ביסט אויס דער הויט געשפּרונגען, האָסט זיך געבראָכן דעם מוח: ריבונו של עולם! פֿון וואַנען האָט ער זיך גענומען, ווער קען ער זײַן און וואָס באַדאַרף אַזעלכער האָבן? דו האָסט נישט געקענט פֿאַרשטיין דעם מיין זײַנעם דערמיט, וואָס ער איז געווען אויפֿן הייליקן אָרט, אָנגעקוקט דײַן גאַנצע פֿירונג, אַלץ מיט אַנאַנדער, אויסגעווען אין אַלע לעכער: אין דײַן הקדש, אין דײַן תּלמוד־תּורה, אין דײַנע חדרים, דײַנע שטיבלעך, דײַנע שדכנים האָבן געטראַכט פֿאַר אים אַ שידוך, דײַנע מקבלים, דײַנע בטלנים, גבאים, בעטלער, אָרעמע בעלי־בתּים, קינד־און־קייט זײַנען אים ווי די הײַשעריקן פֿון אַלע זײַטן באַפֿאַלן, איטלעכער האָט געבעטן אַ נדבֿה, און דײַנע שיינע ייִדן, ווילדע חכמים, האָבן מיט זייער כּבֿוד אַליין זיך מטריח געווען צו אים אָפּצושטעקן אַ 'שלום־עליכם', דערבײַ טאַקע, הינטן אַרום, אים אַ טאַפּ טאָן, אַ שמעק טאָן, וואָס שטעקט אַזוינס אין זײַן קומען. גערענקסטו, גערענקסטו, אַז ער האָט פֿאַרלאַנגט מען זאָל אָפּוואַשן דעם פּאָל אין דער תּלמוד־תּורה און אין בית־המדרש, איז דיר, שׂונא־ציון, פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. סטײַטש, אַזוינס צו טאָן! סטײַטש, אָפּוואַשן די בלאָטע, וואָס אונדזערע אָבֿות אַבֿותינו האָבן אָנגעמאַכט!... סטײַטש, סטײַטש! קאַבצאַנסק! דו ביסט דעמאָלט שיער נישט משוגע געוואָרן קלערנדיק און גאָרנישט דערקלערט. דער אורח איז, אָן אַ 'זײַ־געזונט', אַוועקגעפֿאָרן און דו



ביסט געבליבן דאָס אייגענע קאַבצאַנסק וואָס פֿריִער – ער האָט דיך, ברוך־השם, נישט אָפּגעביסן.

5 דער דאָזיקער אורח איז אַרײַנגעפֿאָרן גלײַך לק״ק טונעיאַדעווקע און האָט מיט זײַן קומען אָנגעמאַכט דאָרט אויך אַזאַ רעש ווי בײַ דיר, קאַבצאַנסק. דאָס פֿאַרשלאָפֿענע טונעיאַדעווקע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן און זיך פֿאַרגאַפֿט, וואָס איז פּלוצלינג אַזוינער געקומען זיי צו חלום! עס האָט אויסגעזען, ווי מען קומט בײַ נאַכט פּלוצלינג אַרײַן מיט אַ ליכט ערגעץ אין אַ לאָך, וווּ עופֿות דרעמלען, זיצנדיק אויף דער סידעלע. זיי בלינצלען מיט די אייגלעך האַלב פֿאַרשלאָפֿן און פֿרעגן זיך פֿאַרוווּנדערט, קרעכצנדיק דערבײַ עפּעס מיט אַ נאַרישער מינע! ווי גייט מען עס אַצינד משוגענערווײַז אַרום! גראָד בין איך אין יענער צײַט אָנגעקומען קיין טונעיאַדעווקע, פֿאָרנדיק אין וועג מיט מײַן ביידל און איידער נאָך איך האָב מיך אַרומגעקוקט אויסצושפּאַנען דאָס פֿערדל האָט דער דאָרטיקער עולם מיר אָנגעזאָגט דאָס גרויסע ווונדער גאָר אין איין אָטעם: רב מענדעלע, נײַס! אַ מענטש, עפּעס אַ מענטש, אַ מין מענטש איז פּלוצלינג צו אונדז אַראָפּגעפֿאַלן!... עפּעס קוקט ער זיך אומעטום צו, הערט זיך צו, פֿאָרשט אויס, ס'איז ניט גלאַטיק. אפֿשר איז ער אַן אונטערגעשיקטער, האַ? זאָגט, רב מענדעלע! אין די קלייטלעך האָט מען לעת־עתּה, פֿאַרשטייט איר, מבֿער־חמץ געווען, אַ קשיא אויף אַ מעשׂה!... אויף די מלמדים ציטערט די הויט... ייִדן מיט יאַרמלקעס דרייען זיך נישט אַזוי אַרום...

6 אַז איך האָב מיך אָפּגעפֿאַרטיקט פֿון דער אַרבעט, צעפּאַקט דאָס פּעקל סחורה, אונטערגעפּאַקט אַ ביסל דאָס פֿערדל, און אַליין אויך געוואָלט עפּעס פּאַקן, גיב איך אַ בליק, אויפֿן שולהויף פּאַקט זיך עפּעס איינער, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, טראָגט זיך דײַטש נאָך דער מאָדע, גאַנץ לײַטיש, און נעמט זיך פֿון דער ווײַטנס אויס, מישטיינס געזאָגט, עפּעס גאָר חוזק. ווי זאָל איך אײַך זאָגן, עפּעס ווי איינער וואָלט אין באָד, וווּ מענטשן גייען נאַקעט אַרײַנגעקומען אין דעם אָנטאָן. צו וואָס, איך בעט אײַך, זיך פּוצן און פֿאַר וועמען זיך פּוצן, אַז בײַם טונעיאַדעווקער עולם איז אויסגעטראָטענע פּיאַטעס, הויל'ע לאַפּעטקעס, בלויזע הערצער און אויסגעריבענע איילנבויגנס אויך זייער רעכט, נישט חלילה אַזאַ פֿאַרברעכן, אַבי עס זאָל זײַן נאָר אַ סימן פֿון זאָקן, פֿון תּחתּונים, מחילה, און אַ קאַפּאָטע?... אין טונעיאַדעווקע מעגט איר אויף מײַן אחריות גיין אויף דער גאַס אין איין טלית־קטן, צעכראַסטעט, אָן זאָקנבענדלעך, נישט פֿאַרשפּיליעט ווו מען באַדאַרף, און אויב חלילה, איר וועט הערן אַ קרום וואָרט, וועל איך שולדיק זײַן... נישט דאָס בין איך אויסן. מײַנער האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז יענער פֿאַרשוין איז אַ פּנים דער אורח, און געקוקט אויף אים עפּעס נישט אַזוי פֿרײַנטלעך. פֿאַרבײַגייענדיק לעבן מײַן ביידל שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט אָן מיך,

דאָס פֿערדל, דאָס פּעקל סחורה, פֿריִער שווײַגנדיק, נישט צו רעדן קיין וואָרט, דערנאָך טוט ער מיך אַ פֿרעג אַזוי:

7 – וואָס איז דאָס בײַ אײַך, ר' ייִד, דאָ פֿאַר ספֿרים?

8 – ע... עס... ספֿרים... – ברומל איך אונטער דער נאָז, בכדי פֿון אים זיך אויסצודרייען, טראַכטנדיק בײַ זיך: פּאַקט זיך, ר' קרובֿ, ווײַטער אַ ביסל.

9 – פֿאָרט, וואָס? – מאַכט ער מיט אַ בנעימותדיקן שמייכעלע, אַרײַנקוקנדיק מיר אין די אויגן עפּעס אַזוי גוט, אַז ער האָט מיך דערמיט גענומען. איך הער מיך אויף צו בלאָזן און ענטפֿער אים שוין גלײַך, ווי אַ מענטש, מיט ווערטער:

10 – ייִדישע ספֿרים: סידורים, סליחות, מחזורים, תּחינות, קינות, ווי געוויינטלעך.

11 – און קיין אַנדערע, חוץ די, איז בײַ אײַך נישטאָ? – טוט ער ווײַטער אַ פֿרעג און באַקומט באַלד פֿון מיר תּשובֿה:

12 – עס, קנאַפּלעך... קיין אַנדערע לוינט זיך נישט צו פֿירן. לשון־קודשדיקע איז גאָר אין דער ערד. נישט קיין סחורה... היגע ייִדן קוקן אַזעלכע נישט אָן אַפֿילו.

13 – היגע ייִדן – מאַכט ער מיט אַ זיפֿץ – היגע ייִדן, נעבעך, באַדאַרפֿן ברויט, נישט קיין ספֿרים...

14 – וואָס?! – מאַך איך קלאָמפּערשט ווי ניט גוט אײַנגעהערט זײַנע ווערטער, און אין האַרצן פֿאַרדריסט מיך טאַקע אַ ביסל, וואָס ער צעשטערכעט מיר אין גאַנצן מײַן קרעמל. ער אָבער פֿאַרשטייט מײַנע געדאַנקען און, אַרויפֿלייגנדיק זײַן האַנט צו מיר אויפֿן אַקסל, רופֿט ער זיך אָן מיט אַ זיס שמייכעלע:

15 – חלילה, נישט אײַערע דאָזיקע ספֿרים מיין איך. יענע, מיין איך, יענע, וואָס אַלץ מיט שטראָף־ווערטער, מיט עצות און אַ געפּילדער: פֿע, הבֿלים! פֿע, אָפּגעלאָזטקייט! גוואַלד, בילדונג! יענע, וואָס לוינט זיך נישט, ווי איר זאָגט, צו פֿירן און וואָס היגע ייִדן קוקן זיי נישט אָן אַפֿילו. היגע ייִדן זענען גערעכט. ברויט, בּרויט באַדאַרפֿן זיי האָבן, מוסר און עצות איז קיין סילוק נישט פֿאַר דעם מאָגן, אים מיט אַ פּזמון קען מען נישט אָפּקומען. קלאָגן זיך אויף אָװעקגעשטעלטע מאַשינעס פֿאַר וואָס זיי פֿוילן, שימלען דאָרט ערגעץ אין אַ ווינקל, איז נאָר אַ געלעכטער. נעמט בעסער הייבט זיי מיט אײַערע הענט אויף, שטעלט זיי אויף די פֿיס, לאָזן זיי בײַ אײַך אַרבעטן, וועלן זיי נישקשה נישט שימלען, גאָר אַן אַנדער פּנים האָבן... נאָר אויף וויפֿל איך בין באַקאַנט מיט דעם היגן ווינקל, דאַכט זיך מיר, אַז אַזוינס האָט מען בײַ אײַך ווייניק אין זינען. דרשענען קען איטלעכער זייער ווויל; אַ מימרא, אַ סליחה – מהיכא־תּיתי – און עפּעס טאָן – נישט פֿון דאַנען אַהין... געוווּג, כלעבן, סליחות! נאָך אַ מאָל זאָג איך, נישט אײַערע חלילה מיין איך, יענע מיין איך.

16 פֿון די דאָזיקע רייד בין איך אַ היפּשע ווײַלע געווען שטאַרק צעדרייט. עפּעס גאָר אַנדערע ווערטער, גאָר אַ נײַער מין פֿאַרשוין, נישט ווי געוויינטלעך די בריות



בײַ אונדז! האָט איר געהערט אין אײַער לעבן אַ בריה, אַ דײַטש, זאָל מיט דעם געמיינעם ייִדישן עולם זײַן איינס, נישט לאַכן פֿון זײַנע נאַרישע געגנג, נישט שטראָפֿן, מוסרן אים מיט לאַנגע מימרות, פֿאַרקערט, נאָך געבן אים גאָר גערעכט, זאָגן 'אַ רחמנות נעבעך, זײַנע סליחות איז אָן סכּנות, איבעריק זײַנען גאָר יענע בריהשע־סליחות להבֿדיל!...'. עפּעס טאַקע אַ נײַער שניט, ווי זאָל איך עס אָנרופֿן, דײַטש אונטערגעשלאָגן מיט חסיד, פּראַק־לײַבסע־דאַק, גאָר אַ שפּאָגל נײַער מין, אויף וועלכן מען דאַרף מאַכן שהחיינו!

17 דער פֿאַרשוין איז מיר שטאַרק געפֿעלן, דאָס האַרץ האָט מיר עפּעס צו אים געצויגן. איך בין אים אַ פּנים אויך געפֿעלן, וואָרעם ער האָט מיך פֿאַרבעטן צו זיך אויף דער אַכסניא, מיך מכבד געווען מיט אַ גלעזעלע פּונש און פֿאַרהאַלטן מיך אין אַ טיפֿן שמועס מיט מיר אַקעגן אַ גוטע עטלעכע שעה. נזנחה האָבן מיר געדאַוונט ביידע, דאָרט טאַקע בײַ אים. איך האָב מיך שוין דערוווּסט ווער ער איז, ווי ער הייסט, פֿון וואַנען ער קומט און וואָס ער וויל דאָ אין אונדזער ווינקל. ער איז נישט אַ רײַכער, ווי זייער אַ געלערנטער, אַ פֿײַנער, אָנגעזעענער מענטש. מויל און אויערן האָב איך אויפֿגעעפֿנט הערנדיק זײַן שמועס. ער האָט מיר דערציילט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך דערקוויקט – גוטע זאַכן, וואָס זײַנען זיך צעגאַנגען אין אַלע מײַנע רמ"ח אבֿרים. אײַ־אײַ זאַכן, אײַ־אײַ בשׂורות!...

18 נאָך אַ מאָל: מזל טובֿ דיר, קאַבצאַנסק! מזל טובֿ דיר, טונעי־אַדעווקע! אַ האָפֿענונג צו דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז איר וועט אויפֿגעריכט ווערן.

19 אויף מאָרגן אין דער פֿרי נאָכן דאַווענען האָט ער מיך ווידער פֿאַרבעטן צו זיך. נאָך אַ מאָל איבערגערעדט (דעם) נעכטיקן שמועס און מיך געבעטן, אַז דערווײַל זאָל עס בלײַבן בסוד.

20 – ר' מענדעלע! – האָט ער אויסגעלאָזט דעם שמועס מיט אַ פֿרײַנדלעך שמייכעלע – אײַער נאָמען נישקשה איז מיר פֿון לאַנג באַקאַנט. עס טוט מיר האַרצעדיק הנאה אונדזער באַגעגעניש דאָ. אַז השם־יתברך וועט הייסן, קענט איר מיר זייער שטאַרק צו ניץ קומען. איך האָב אײַך איבערצוגעבן עפּעס אַ זאַך, וואָס דערצו זײַט טאַקע איר, נאָר איר אַליין, מסוגל. מען מוז אָבער אַ ביסל געדולדיק זײַן.

21 ער האָט בײַ מיר גענומען מײַן אַדרעס און מיך פֿאַרזיכערט, ווי באַלד דער געוויסער ענין האַלט אויף אַ שטייגער, באַקום איך פֿון אים אַ בריוו מיט נאָך עפּעס אַזוינס... מיר האָבן זייער פֿײַן זיך געזעגנט, איינער דעם אַנדערן ווינטשנדיק אַל דאָס גוטס.

22 בײַם ווינטשעווען האָב איך, צו קיין גנאַי עס מיר נישט זײַן, מיך אַ ביסל אויסגעגליטשט. אין דעם ענין הווינטשעווען בין איך, צווישן אונדז גערעדט, אַ קנאַפּער בריה, ווי אַ גרויסער טייל ייִדן, וואָס ווען זיי נעמען זיך אויף שׂמחות צום ווינטשעווען, מיינענדיק דאָס איז אַ חיובֿ, בעקען זיי אַוועק אַ שעה מיט

שיַינענדיקע פנימלעך, עפּעס אָן לשון. זיי דעם בעל־שׂמחה: גאָט זאָל געבן... אַז... אַז... אַז... דער בעל־שׂמחה זיי: הלוואַי... אַז... אַז... עס ווערט אַזש ניט גוט צום חלשן, שלאָגט צום האַרצן, אוןביידע צדדים ווינטשן ביַי זיך איינער פֿונ׳ם אַנדערן פּטור צו ווערן. געוויינטלעך האַלט איך מיך איַין, פּטער אָפּ דעם חובֿ פֿון ווינטשעווען בקיצור, ברומלענדיק אונטער דער נאָז. דאָס מאָל אָבער האָט מיך דער גוט־יאָר געטראָגן, פֿאַר גרויס ליבשאַפֿט צו דעם אורח, אַרויס מיט אַ ווינטשעניש גאַנץ ברייטלעך. נאָר אַזוי ווי איך האָב געעפֿנט דאָס מויל, אַזוי בין איך געבליבן ווי דערוואָרגן, געבעקעט, געאַזועט אַז... אַז... מישטיינס געזאָגט, אַליין נישט צו וויסן וואָס, און מיך געפֿונען אין דער קלעם, נישט אַהין, נישט אַהער. זייער אַ מיאוסע לאַגע, וואָס מאַכט זיך אַ מאָל מיט אַ רבל וועלכן עס גלוסט זיך, כאָטש ער קען נישט נעבעך, האַלטן אַ דרשה... נישט דאָס בין איך אויסן. דער אורח, לאַנג לעבן זאָל ער, האָט געפֿילט מיַין געמיט און מיך זייער דעליקאַטנע אַרויסגעפֿירט פֿון דער קלעם, אָנרופֿנדיק זיך דערביַי מיט חכמה:

23 – איך ווייס, איך ווייס. איר ווינטשט מיר אַזוי פֿיל גוטס, וואָס (איז) גאָר אוממעגלעך אַרויסצוזאָגן.

24 – יאָ, יאָ, אַזוי כלעבן! מאַך איך שוין מיט אַ גרינג געמיט און טו מיך דערווײַל אַליין טאַקע אַ פּיק אויף קאַטאָוועס: מעלתו ווינטשט מיר אויך זייער פֿיל גוטס און זאָגט עס פֿון דעסט וועגן גאַנץ גלאַט אַרויס.

25 – נו, נו, מאַכט ער צוריק מיט אַ שמייכעלע. אין ווינטשעווען בין איך איין בריה. דרינען האָב איך געהאַט גוטע רבים און דערויף פֿאַרבראַכט מיַינע יונגע יאָרן. ווען נישט דאָס ווינטשעניש, וואָלט איך נישט געווען דאָס וואָס איך בין אַצינד... וונדערט זיך נישט אַזוי, רב מענדעלע! ס׳איז רעכט. אַז גאָט וועט געבן דער פּלאַן זאָל גיין, ווי געוווּנטשן, וועט איר דעמאָלט וויסן און מיך פֿאַרשטיין. לעת־עתּה זיַיט מיר געזונט און פֿאָרט מיר געזונט!

26 מיר זענען אין דעם אייגענעם טאָג טאַקע אַוועקגעפֿאָרן, איטלעכער אין זיַין וועג.

27 אַ היפּשע ציַיט איז אַוועקגעגאַנגען און פֿון דעם אורח מיַינעם איז אֵין קול מיט צען אֵינות, ער איז ווי אין וואַסער פֿאַרשווּונדן געוואָרן. אויפֿן האַרצן איז ניט פֿריילעך, שווערע ציַיטן, שלעכטע געשעפֿטן, נישט גוט אַרום... דו קאַבצאַנסק, דו טונעיאַדעווקע, ליגסט נעבעך דערווײַל פֿאַרזונקען ביז דעם האַלדז אין בלאָטע, פֿון דער וויַיטנס יענץ פּעקל לייַט פּילדערן אַ שרעק, גיבן עצות, דער אַזוי, יענער אַזוי, שטראָפֿן, זאָגן מוסר, איטלעכע מיט זיַינס: גוואַלד! טוט איַיך אָן אַ כּוח, קריכט אויס דער הויט און ראַטשקעוועט, זיַיט מוחל, אַליין איַיך אַרויס! קאַבצאַנסק, זיַי נישט קאַבצאַנסק! טונעיאַדעווקע, זיַי נישט טונעיאַדעווקע!...

28 און אַז איך האָב שוין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט ׳פֿאַרפֿאַלן,



אויס האָפֿענונג!׳ קומט מיר פּלוצלינג אָן, גאָר אומגעריכט, אַן אויסלענדישער בריוו מיט אַ היפּש־פֿאַרתּתמעט פּעקל. איך עפֿן דעם בריוו – אַ שׂמחה! דאָס איז פֿון אים, פֿון דעם אורח!... אָט וואָס ער שריַיבט:

29 ׳ידידי, רב מענדעלע! אַז איך שריַיב איַיך אַצינד איז אַ סימן ס׳איז גוט – דער פּלאַן שטייט אויף אַ שטייגער. אלא נישט, וואָלט איך דאָך נישט געשריבן. אויף שריַיבן גלאַט שלום־לאהובֿי־בריוולעך קלעקט מיר נישט די ציַיט. זייער מעגלעך, (אַז) מיר וועלן זיך, אם ירצה השם, אין גיכן זען. וועגן דעם עסק איז נאָך דאָ אַ ביסל צו טאָן. דערוויַיל פֿאַרגיב איך איַיך אַ לייענען, אַ נייטיק שטיקל אַרבעט, וואָס געהער זיך מיט דעם עסק שטאַרק אָן. דאָ אין דעם פּעקל, וועלכן איך שיק איַיך, וועט מעלתו געפֿינען מיַינס אַ ספֿר, אין זייער אַ גרינגער דיַיטשער שפּראַך, געדרוקט אין לייַפּציג, היַינטיקס יאָר, ביַי בראָקהויז, מיט דעם נאָמען "ווינטשפֿינגערל", וואָס גיט צו פֿאַרשטיין די אַלע זאַכן, וועלכע עס וועלן, מיט גאָטס הילף, איַינגעפֿירט ווערן אין דער פּראַקטיקע, און לערנט ווי אַזוי מען באַדאַרף דערמיט זיך נוהג זיַין בכדי צו דערגרייכן דאָס, וואָס מען ווינטשט און באַגערט ניצלעך צו זיַין זיך און דער וועלט. פֿאַר וואָס דער ספֿר הייסט "ווינטשפֿינגערל", דאָס וועט איר אַרויסזען פֿון די כּתבֿים וואָס זיַינען ביַיגעלייגט אין דעם פּעקל. אין זיי איז דאָ אַ גאַנצע באַשריַיבונג פֿון מיַין לעבן. ס׳איז כּדאַי זיי זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן ביַים ווינטשפֿינגערל אויף ייִדיש מכּמה טעמים. איך בין דאָך אַ חלק פֿונעם כּלל מענטשן, פֿאַר וועלכע מיַין לעבן איז דאָ באַשריבן. איך בין אַ פֿעדימל, איַינגעוועבט אין איינעם מיט זיי אין דעם גרויסן שטיק מאַטעריע, וואָס גייט אין דער וועלט פֿון אייביקע ציַיטן, אונטער דעם נאָמען "ייִד". אָנקוקנדיק מיך וועלן זיי צוגלייַך אָנקוקן טאַקע זיך אַליַין. דאָס וואָס זיי וועט געפֿעלן אָדער נישט געפֿעלן אויך ביַי זיך, און האָבנדיק פֿאַר זיך אַ שפּיגל אין מיר, וועלן זיי זען, וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי האָבן... ווירקן אויף אַ פֿאָלק מענטשן קען נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פֿון זייער ביין, פֿלייש פֿון זייער פֿלייש; וואָס האָט געליטן איינע צרות, געפֿילט איינע ווייטיקן מיט זיי. לאָזן עס ייִדן, וויל איך, לאָזן עס לייענען און וויסן...׳

30 ׳אַצינד, ליבהאַרצעדיקער ר׳ מענדעלע, נעמט זיך, זיַיט מוחל, צום איבערזעצן אויף ייִדיש מיַין ספֿר מיט די כּתבֿים און לאָזט עס אָפּדרוקן. ס׳איז נייטיק, זאָג איך איַיך, צום עסק. אויב איַיך וועט געפֿעלן מקצר צו זיַין, אַרויסצונעמען פֿון די כּתבֿים נאָר דעם רעכטן עיקר, מעגט איר. מאַכט אַזוי ווי איר פֿאַרשטייט. דרינען פֿאַרלאָז איך מיך אין גאַנצן אויף איַיך. עיקר שכחתי: דאָס פֿאַרדינסט פֿון די כּתבֿים און זיי אַליין שענק איך איַיך, פֿונעם גאַנצן האַרצן, אויף לעולם־ועד. זיַיט מיר געזונט! השם יתברך זאָל געבן זיך באַלד צו זען אין פֿריידן, און וואָס מיר ווינטשן ייִדן זאָל מקוים ווערן במהרה בימינו, אָמן. ידידכם...׳

31 לכּבֿוד דעם הייליקן באַשעפֿער, דער דאָ לעבט אייביק און לכּבֿוד זײַן ליב פֿאָלק ישׂראל האָב איך אָנגעטאָן די שפּאַקולן און דורכגעקוקט די אַרײַנגעשיקטע כּתבֿים. די מעשׂה, זע איך, איז טאַקע זייער אַ שיינע, געשריבן, ווי מען זאָגט, אָגיל ואשׂמח, קײַלעכדיק און שפּיצעכדיק, דאָס הייסט, אין די פּשוט אַנטפּלעקטע זאַכן ליגן פֿאַרבאָרגענע סודות און שאַרפֿע אָנצוהערענישן. נאָר וואָס דען? זי איז שטאַרק לאַנג, און יידישע קינדער, וואָס פֿאַרשטייען זיך אויפֿן וווּנק, קען דערווײַל די נשמה אויסגיין ביז זיי וועלן אַזאַ לאַנגע מעשׂה אויסלייענען. צו פֿיל איבערציִען דעם בויגן טאָר מען נישט, עס קען זיך איבעררײַסן. בכן איז בײַ מיר געבליבן אָפּצומאַכן עס ווי ראש־השנה מיט די לאַנגע סטעפּעס פּיוט. איך האָב אַרויסגענומען נאָר אַזעלכע שטיקלעך, וועלכע מיר טויג, די איבערגעניצעוועט ווו מען באַדאַרף, אויך אויסגעלאַטעט, צונויפֿגעשטערכעט אין יידישן גוסט מיט מײַנס אַ שפּרוך, אַזוי אַז גאָרנישט צו דערקענען די שטעך און די לאַטעס מײַנע. די מעשׂה קומט אויס נישקשהדיק, גאָר קיין מעשׂה נישט, און דערציילט זיך פֿון מיר, גלײַך ווי זי איז מײַנע. נאָר ערטערווײַז, ווען ס'איז נייטיק צום ענין, לאָז איך ריידן דעם מחבר אַליין. אויך האָב איך לכּבֿוד קאַבצאַנסק ולכּבֿוד אונדזערע ברידערלעך מיך צעגאַרטלט, צוגעזאָגט איינעם פֿון די אָרעמע בריות באַלוינען אים שפּעטער, אם ירצה השם, פֿונעם פֿאַרדינסט, מיט עטלעכע גראָשן מינץ, ער זאָל מיר העלפֿן אין דעם איבערזעץ פֿונעם ספֿר מיט די כּתבֿים. ער האָט וואָכנווײַז געשוויצט, געטאָן, געאַרבעט געשמאַק. גאָט מעג אים פֿאַר זײַן מי העלפֿן. ער פֿאַרדינט עס נעבעך גאַנץ כּשר... נישט דאָס בין איך אויסן.

32 ועתּה רבונו של עולם, און אַצינד דו האַר פֿון דער וועלט, דאָס איז פֿאַר דיר אַנטפּלעקט און וויסיק, אַז איך האָב גערן געטאָן דײַן ליבן ווילן, זאָל עס זײַן אויך דײַן ווילן אויף דער צײַט, ווען איך בעט דיך מיט מײַנע הענט און פֿיס און מיט מײַנע צוויי הונדערט אַכט און פֿערציק אבֿרים, אַז דו זאָלסט אָנשרײַען דעם שׂטן, ער זאָל ניט געוועלטיקן, מעכּבֿ זײַן אויף אונדז אונדזער פּרנסה. זאָלסט באַגיטיקן אונדזערע מזלות און באַשירעמען פֿאַר אַלע די בייזע באַגעגענישן, וואָס זיי שטורמען אויף דער וועלט, און געבן אונדז אַ געבענטשט לעבן, אַ פֿרידהאַפֿטיק לעבן מיט זיכערליכין. אונדזער האָפֿענונג און די גוטע בשׂורה זאָל נישט זײַן צו מידיקייט און צו לער, נײַערט זאָל אַלץ זײַן לברכה והצלחה. קאַבצאַנסק און כּל ישׂראל זאָלן זײַן געליבט צו די אייבערשטע און געגלוסט צו די אונטערשטע. דאָס אַלע חלומות, וואָס אונדז זעלבערט אָדער אַנדערע האָט, געחלומט, זאָל אויף אונדז אַלע זײַן צו גוטן. ותרצנו, און זאָלסט אונדז באַוויליקן. אָמן.



# מעשה קודם למעשה*

1 אמר מענדעלי מוכר ספרים: ישתבח הבורא ויתברך היוצר על קבציאל ועל בטלון ועל כסלון – שלש קקי"ן אלו מעשה ידיו, שהן פאר וכבוד לעולמו ומדור לבני יעקב בחיריו עם סגולתו. רצה הקדוש ברוך־הוא לנסות את בני ישראל, אם יהיו מקיימים דרכה של היהדות כהלכתה: להנזר מחיי העולם הזה ולכבוש תאות האכילה וכיוצא בה מתאוות הגוף, שאין שאר הבריות יכולין להפקיע עצמן מהן – לפיכך הושיבם שם ברוחק גדול והרבה להם יסורים של אהבה וכל מיני פורענויות ונסיונות קשים, כדי שיזכו לחיי העולם הבא... קבציאל ובטלון וכסלון קדשו את השם ועמדו בנסיונן. נגד כל באי עולם הראו נפלאות, מה טיבן וזה כוחן ועד היכן פרישות דרך ארץ אצלן מגיעה. – ברוך המקום וברוך שמו שבחר בי, העני ממעש, להיות שליחו ולבוא היום בבשורה טובה להקקי"ן הללו.

2 מזל טוב לך, קבציאל! מזל טוב לך, בטלון! סימן טוב ומזל טוב לך, כסלון! אשריכן וטוב לכן שלשתכן גם יחד, כי נרצה עונכן, הנה ישעכן יבוא, אם ירצה השם, בעגלא ובזמן קריב!...

3 אל נא, אחי, תדחקוני, להשמיעכם את כל דברי הבשורה הוו בנשימה אחת. בבקשה מכם, הוו מתונים, רבותי, והמתינו לי מעט! אם ימים רבים הייתם יושבים שוממים, בצער, במצור ובמצוק, מצפים וממתינים, אל נא תקצר רוחכם להמתין עוד מעט. הרי למודים אתם, בני ישראל, בסבלנות, וכמה פעמים בימי חייכם הראיתם לעין כל באותות ומופתים, שכח אבנים לסבול יחיל ודומם, המתן והמתן בתוחלת ממושכה, אינו מצוי אצל שום בריה בעולם כמו בכם... אבל דברי פיוס ותחנונים למה לי, ומאי נפקא מינה לי, אם רוצים אתם ויכולינו להמתין או לאו? אני איני משגיח בכם ולא אבהל על פי. הוו יודעים, רבותי, שמתון גדול אני, ובכל מה שאני עושה אין לפני פזיזות ולא בהילות ולא זריזות משונה יתרה, ואפילו סוסי אינו רץ ברגלים, אלא מזיז את עצמו בנחת ופוסע פסיעה קטנה. על כרחכם תקבלו עליכם את דיני, לשמוע מתחלה כל ספור המעשה על הסדר, מן הקודם אל המאוחר,

* נתפרסם ב'השילוח' (חשון־אדר ב' תרנ"ז, אוקטובר 1896–מרץ 1897), עמ' 7–12. הכתיב מן 'השילוח' נשמר כאן רובו ככולו.